בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**צ"א**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**תיקון נשמות החיים**

**עס וועט זיין ווער עס זאל הערן!**

**ר' דוב חיה'לעס**

**ר' אברהם ציפורה'ס ב"ר מרדכי דיין**

**ר' אייזיק קראסינשטיין - יחוסו**

**טעמה כי טוב סחרה**

**הנר תמיד**

**געהאט אלע טאג התבודדות**

**אייביג מיר געגעבן א גלאז טיי...**

**הנר תמיד בבתי מדרשים על שם רבינו**

**אפגעזאגט דעם פעלץ**

**די שניי שאקלט זיך...**

**דער אנהויב פון דעם נר תמיד ביים רבי'נס ציון**

**קום צו מיר, ווען עס איז נישט טאג און נישט נאכט!**

**צוגעזאגט אריכות ימים**

**ב'ארשט מיט ק'אשע**

**מיין מענראל!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ 91#

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

# פרשת וירא, שנת תשל"ו, (ח"ב)

(טייפ מס' 107#)

## תיקון נשמות החיים

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ר' שמואל אייזיק[א] האט געפירט נאכן רבי'נס פטירה?) א קלייניקייט - ער האט געהאט (עפעס) תלמידים! (ר' חיים שלמה: אין רבי'נס זאך?) יא, ער האט געהאט תלמידים, ער האט געהאט גרויסע עובדים.

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) האט מיר דערציילט, אז אין קיבליטש איז געווען איינער פון זיינע מענטשן. דער שווער פלעגט גיין דארט אויפן קבר (של אותו תלמיד), ער איז געווען א גדול.

(ר' נחמן בורשטיין: ר' שמואל אייזיק'ס א תלמיד?) יא, ער איז געלעגן אין קיבליטש - ער האט דארט געוואוינט.

זיי פלעגן פארן צו ר' שמואל אייזיק'ן, זיי פלעגן פארן דארטן די זמנים - זיי האבן געהאט אפגערעדטע זמנים. פלעגן זיי זיך צונויף נעמען אלע מיט איינמאל - עס איז געווען אין קיבליטש איינעם, און אין הייסין איינעם, אין יאנוב איינעם. האבן זיי זיך צונויף גענומען דארטן און זיי זענען אלע געקומען מיט אמאל צו אים פאר שבת.

(איינמאל) זענען זיי געקומען קיין קיבליטש נעמען דעם (תלמידו מקיבליטש הנ"ל). האבן זיי געזעהן ער איז א גוסס, זענען זיי אוועקגעפארן און האבן גערעכנט, אז ווען זיי וועלן קומען צו ר' שמואל אייזיק'ן, וועלן זיי אים גלייך דערמאנען (מזכיר זיין) דעם חולה.

[א] מתלמידי רביז"ל הגדולים והחשובים ביותר. נולד בשנת תרכ"ה, ונתקרב לרביז"ל בין השנים תק"נ-תקנ"ט. נפטר בשנת תקפ"ז.

**ווען זיי זענען אריינגעקומען, איז שוין געווען פרייטאג און ר' שמואל אייזיק האט שוין געדאווענט מנחה ערב שבת. ר' שמואל אייזיק האט געדאווענט עטליכע שעה, ער פלעגט שטיין שמונה עשרה עטליכע שעה ערב שבת ביי מנחה.**

**איז ער שוין געשטאנען ביי מנחה - האבן זיי געכאפט א קוק אין ברכת 'מחיה מתים', איז שוין געווען דארט פארשריבן 'דער'** (חולה הנ"ל) **- עס איז שוין געווען אחר הסתלקותו, דער איד איז שוין געווען פארשריבן - ער האט אים שוין דערמאנט דארט...**

(ר' חיים שלמה: דער רבי האט אים אויך געגעבן עפעס א הנהגה נאכ'ן פטירה?) **אין תיקון המתים, תיקון הנשמות.**

**- פלעגן אונזערע לייט זאגן: "תיקון נשמות המתים האט דער רבי איבערגעגעבן פאר ר' שמואל אייזיק'ן**[ב]**; נשמות החיים האט דער רבי געגעבן ר' נתן'ען".**

**- ר' יודל'ען איז געווען 'פדיונות'. אלע פלעגן אים געבן אויף א פדיון.**

(ר' נחמן: דער רבי האט דאך איינגעטיילט פאר יעדן, טאקע בחייו האט עס דער רבי אזוי איינגעטיילט?) **מען ווייסט נישט צו דער רבי האט דאס איינגעטיילט - אזוי איז געווארן.**

(ר' נחמן גאלינסקי: אלע רבי'נס תלמידים אויך?) **אלע - אפילו ר' נתן - אלע האבן געגעבן ר' יודל'ען אויף פדיון.** (ר' נחמן: ר' נתן שרייבט אין די בריוו![ג])**.**

**אז ר' יודל פלעגט גיין צום רבי'ן אויפן ציון האט ער גערעדט מיט רבי'ן** (כמו בחיים חיותו)**.**

---

[ב] עי' שיח שרפי קודש, ח"ג, רי"ח: "רבי שמואל אייזיק מדאשיב היה בעל מופת גדול מאד, ואמרו אנ"ש, שעליו מסר רבנו אחריו את ענין תיקון הנשמות, וסיפר רבי מרדכי הדיין מטעפליק, שפעם במוצאי שבת קדש אחת, בעת החורף שהיה שלג וקר גדול עד מאד, דפק רבי שמואל אייזיק בדַלתו, וכשראהו רבי מרדכי השתומם מאד: איך הגיע אליו במוצאי שבת קודש מעירו דאשיב שהיה מרוחק מאד מטעפליק, ובקש ממנו רבי שמואל אייזיק, שילוהו לבית הקברות, והלך עמו לבית הקברות ונעמדו בצד השני של בית הקברות מאחורי הגדר, ששם עוברת הדרך לאומאן, והוציא רבי שמואל אייזיק מאמתחתו כוס עם בקבוק יין ומזג את הכוס והבדיל, ושמע רבי מרדכי איך שבוקע קול מבית הקברות ועונה "אמן" על ברכתו. אחר זה חזרו לביתם ונפרד ממנו רבי שמואל אייזיק וכשסיפר זאת רבי מרדכי, אמר שבהכרח לומר, שבא רבי שמואל אייזיק מעירו דאשיב לטעפליק בקפיצת הדרך...!".

[ג] עי' עלים לתרופה, מכתב קמה, מה שכתב לבנו ר' יצחק כשהיה מוטל על ערש דוי: "וגם אבקש כל יקירי אנשי שלומנו להתפלל עליך, ותשלח על פדיון לידידנו כבוד רבי יודל, אפלו איזה סך מעט תוכל לשלוח".

עס איז טאקע געווען - ביי ר' נתן'ען איז געווען איין טאכטער 'חנה צירל', און ר' אפרים איז געווען דער חשובער זון ביי ר' נפתלי'ן - און ר' אפרים איז געווען אזוי מין מקושר צו ר' נתן'ען נאך פון בחור'ווייז - איז דאך א גלייכער שידוך: צוויי תלמידים - און ר' אפרים איז אזוי מקושר צו ר' נתן'ען - האבן אונזערע לייט געזאגט: "זאל ער אים נעמען פאר אן איידעם".

- (נענה מוהרנ"ת:) "נו, זאל ר' יודל גיין צום רבי'ן אויפן ציון - ער זאל פרעגן דעם רבי'ן".

האט מען געשיקט ר' יודל'ען צום רבי'ן אויפן ציון - צו דער רבי איז מסכים. האט ר' יודל געזאגט: "דער רבי האט געזאגט: 'איך האב נאך דא צוויי תלמידים וואס האלטן זיך גוט, זאלן זיי זיך אויך צוקריגן?'! - האט דער רבי נישט מסכים געווען!".

❖

## עס וועט זיין ווער עס זאל הערן!

(ר' חיים שלמה: וואס איז געווען מיט ר' נפתלי'ן? ער האט נישט עוסק געווען מיט נשמות?) ניין, ניין!

(ר' חיים שלמה: ער פלעגט זאגן תורה ביי שלש סעודות!) דער רבי האט אים געהייסן זאגן אליין תורה. האט ער געזאגט: "רבי - און ווער וועט הערן?. האט דער רבי געזאגט: "עס וועט זיין ווער עס זאל הערן!".

ער האט דערציילט - מאיר חזן, ער איז דארטן געוואקסן. ער איז געווען א יתום, איז ער געוואקסן ביי ר' נפתלי'ן אין שטוב. האט ער דערציילט: אז ביי שלש סעודות איז ער (ר' נפתלי) געזעצן אליין. און זיי (ר' מאיר חזן ור' ישראל טירהאוויצער) האבן געוואוסט פונעם רבי'ן (מה שציוה לו כנ"ל) - פלעגן זיי זיך צוהערן. ער האט גערעדט אזוי... (געמורמלט) - געזאגט תורה, שלש סעודות.

(ר' נחמן: ער איז געזעצן אליין אין א צימער?) אליין ביי זיך! אזוי, איז ער געווען אין שטוב, אבער ביי שלוש סעודות איז ער געזעצן אליין, ווייזט אויס, אז פאר מענטשן האט ער נישט געזאגט קיין תורה.

(ר' נחמן: עס איז נישט געווען קיין שלוש סעודות בכלל אין אומאן ביי ר' נפתלי'ן?) קען זיין אז ניין.

❖

(ר' נחמן: ווער האט געלייגט א גלאז וואסער אויפן רבי'נס ציון?[ד] איינער זאגט ר' שמעון'לע און איינער זאגט ר' שמואל אייזיק[ה] -)

(אחד הנוכחים: וואס איז געווען די מעשה?) (ר' נחמן: ער האט אוועקגעלייגט א גלאז וואסער און ער איז נישט אוועקגעגאנגען ביז עס האט געפלאצט - -!) **עס איז אינגאנצן נישט מבורר די זאך, עס הערט זיך עפעס נישט.**

**איך האב שוין די מעשה לאנג געהערט און מען האט עס אפגעלייקנט. פון וועמען האסטו דאס געהערט? פון וואנעט איז דער מקור?** (ר' נחמן: איך האב נישט געפרעגט!)

**עפעס אמאל האט מען גערעדט דארטן, האט מען עס גאר אויסגעלאכט אז דאס איז נישט מבורר.** (ר' נחמן: עס איז נישט געווען בכלל אזא מעשה ביים רבי'נס תלמידים?) **עס קען זיין אז עס איז אינגאנצן נישט געווען!**

**אינגאנצן די זאך איז עפעס נישט קיין פאסיגע זאך פאר אונז - א גלאז וואסער, עס זאל פלאצן?!** (ר' נחמן: - ווייל ער פלעגט דערלאנגען דעם רבי'ן בחייו א גלאז וואסער, האט ער דאס שפעטער אויך דערלאנגט!) **דאס איז נישט אונזער זאך!; איינער האט עפעס** (אויסגעמישט) **א וועלט'ס מעשה!**

**הכלל, שוין, איך האב געהערט - און גאר פון גרויסע פלעצער - אז עס איז נישט מבורר אינגאנצן די זאך.**

(ר' נחמן: איר האט דאס נאך געהערט אין אומאן?) **אוודאי אזוי!** (ר' נחמן: פון ר' אברהם ר' נחמן'ס?) **איך ווייס נישט צו פון אים - איך געדענק נישט, איך האב געהערט - אסאך מענטשן איז געווען וואס זענען געווען זייער כרוך נאך ר' אברהם ר' נחמן'ס - איך געדענק נישט פון וועם איך האב עס געהערט - פון אים צו פון אן אנדערן - איך האב געהערט אז די זאך איז אינגאנצן נישט מבורר, זיי האבן זיך אויסגעלאכט דערפון.**

(ר. חיים שלמה: וואו ליגט ר' שמואל אייזיק?) **אין דאשוב.** (ר. חיים שלמה: עס איז דא אן אוהל דארט?) **איך ווייס נישט.**

---

[ד] עיין אוצר נחמני, שיחה צ"ה.

[ה] לציין שיש הקלטה ששואל ר' נחמן בורשטיין מאת ר' אלי' חיים ראזען על המעשה הנ"ל. ועונה לו שהמעשה היה אצל ר' חייקל חזן.

(השואל: און וואו ליגט ר' יודל?) **אין מעדוועדיווקע; ר' ישעי' שלום[ו] אויך, און ר' זלמן[ז] אויך.**

❖

# ר' דוב חיה'לעס

(ר' נחמן: מיט ר' דוב חיה'לעס איז א גאנצע פלאנטער צו ער איז געווען א רב[ח] צו נישט - ר' דוב חיה'לעס פון לאדיזין; ביי די אנשי עבודה רעכנט ער אויס ר' דוד מלאדיזין[ט] - און ביי די אנשי משא-ומתן רעכנט ער אויס ר' דוב חיה'לעס[י]?!) **עס איז דא צוויי דיעות: א טייל זאגן טאקע אז ער** (ר' דוב חיה'לעס) **איז נישט געווען קיין רב - נאר ר' דוד מלכה'ס איז געווען דער רב[יא]** (בלאדיזין). **דער ר' דוד מלכה'ס איז געווען פריער אין הייסין, נאכדעם איז ער ארויס קיין לאדיזין[יב].**

**ר' דוב חיה'לעס איז נישט געווען קיין רב - עס מוז נישט זיין אז ער איז געווען א רב.**

**ער איז ארויס קיין ברסלב ווייל ער האט געוואלט זיין מיט דעם רבי'ן צוזאמען!**

(ר' נחמן: די מעשה[יג] איז דאך יא געווען ביי ר' דוב חיה'לעס - ווי קומט עס אז ער איז געווען אזוי פיל ספרים אנגעלערנט?) **ער איז געווען געוואלדיג! ער האט געקוקט ספרים אסאך, ער איז געווען א גרויסער למדן, ער איז א געוואלדיגער למדן געווען. א למדן אמאל האט געקוקט אין אלע ספרים, אין אלע ספרי קבלה, אין אלע ספרי יראים. ער איז געליגן אין**

[ו] בנו יחידו של ר' יודל מדאשוב. מאנשי עבודת ה' שבתלמידי רביז"ל ומגדולי תלמידיו. רביז"ל אמר עליו כי הלך לחופתו בכתונת נקיה. אחר פטירת אביו, בשנת תקצ"ח, ירש את כס הרבנות במעדוועדיווקע. בסוף ימיו היה למשך איזה תקופה בארץ ישראל ודר בצפת. (גידולי הנחל)

[ז] ר' זלמן הרב דמעדוועדיווקע, בנו של ר' ישעי' שלום הנ"ל.

[ח] עי' בפתיחה לספר המידות "אמר המעתיק" מר' אלטר טעפליקער ז"ל - בהסיפור איך שנתגלה הספר המידות.

[ט] כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות כ"ט.

[י] שם, אות ל'.

[יא] עיין בצוואת הרב מטשעהרין: "מהם היה גם הרב ר' דוד דיין בלאדיזין, שהיה מקורב לרבינו ז"ל.

[יב] עי' שיש"ק (ישן) ח"ג, רמ"ט: רבי דוד מלכה'ס, נקרא על שם אמו מלכה. מקור חוצבו היה בעיר הייסין שעל יד עיר אומאן, ובגלל המחלוקת שהיה עליו שם, עבר לדור בלאדיזין והתמנה שם לדיין.

[יג] עי' שיח שרפי קודש (ישן) ח"ב, אות קמ"ד: לרוב דביקותו ברבינו היחה נכנס אליו כל יום ואומר לו חדושי תורה וכו' מכל מיני ספרים נדירים, ובכל עת שהיה אומר חדושי תורה מספר שעשה בעל רוח הקודש, היה רבנו מפטיר: "זה חיבר ואמר בעל רוח הקודש", "דאס האט גימאכט א בעל רוח הקודש". כי היה גאון גדול, וכו', עיי"ש.

**אלע ספרים, ער איז געווען א געוואלדיגער בקי אין ספרים, און ער פלעגט אריינקומען צום רבי'ן און דערציילט דעם רבי'ן פון א ספר - דעם ספר, דעם ספר, א סיפור -** (וכו').

(ר' נחמן: דער סיפור פון ספר המידות האט ער דערציילט!) **די מעשה האט ער דערציילט, יא!**

(ר' נחמן גאלינסקי: עס איז דא אין דפוסים פון ספר המידות'ן, וואס עס שטייט, אז ר' דוב חיה'לעס איז געווען עפעס א רב -) **עס איז דא וואס זענען גרייזיג אינגאנצן - יענע וואס ר' ישראל טירהאוויצער האט געשריבן**[י]**. ר' מיכל'ע האט אים געגיבן - ער האט אים דערלאנגט - פאר ר' ישראל טירהאוויצער: 'פארוואס האסטו אפגעדרוקט א מעשה וואס עס איז נישט ריכטיג?!'. די מעשה איז געווען בשם ר' ישראל טירהאוויצער. האט ער אים דערלאנגט אז די מעשה איז נישט ריכטיג.**

(השואל: די גאנצע מעשה איז קיינמאל נישט געווען, אדער עס איז נישט פונקט?) **ניין, נאר די ערשטע מעשה חלק מעשה** (איז נישט אינגאנצן ריכטיג דארט).

(ר' נחמן: עס איז בכלל דא אינעווייניג שינויים אין די נוסחאות) **יא, אויך אינגעווייניג איז דא שינויים.**

❖

## ר' אברהם ציפורה'ס ב"ר מרדכי דיין

(ר' נחמן: ר' דוב חיה'לעס מיט ר' מרדכי דיין[טו] האבן נישט געהאט קיין שייכות?. איך האב געזעהן א גאנצער שיחה: אז עס איז געווען צווי ברידער - איינער האט געהייסן, ר' מרדכי, און איינער האט געהייסן דוב חיה'לעס, און דעם האט דער רבי געמאכט א רב אין טעפליק[טז], און דעם אנדערן האט ער געמאכט א רב אין לאדיזין!) **פון וועמען האסטו עס געהערט? - ניין! זיי זענען נישט געווען קיין צווי ברידער.**

---

[י] בפתיחה לספר המידות שנדפס בלובלין שנת תר"ע; ובווארשע תרע"ב, ושם מובא: "כדאי לציין מה שאמרו רז"ל האומר דבר בשם אומרו וכו' ע"כ אציג מקור מוצא הדבר. הסיפור הזה נמצא אצל אחד מאנ"ש על הטוב יזכר שמו מוה"ר ישראל בן ר' חיים הכהן מטירהאוויצע" וכו', עיי"ש. (ושם המעשה שונה ממה שמודפס אצלינו כהיום מכת"י ר' אלטר טעפליקער). עי' במבוא לספר תפארת המידות, להרב ר' נחמן יהוסף וויטריאל שליט"א, ששם מביא ג' נוסחאות שיש בהמעשה - וממילא אין ראיה משם אם הוא היה רב או לא.

[טו] מאנשי עבודת ה' שבתלמידי רביז"ל. נתמנה לאב"ד דטעפליק בשנת תק"ע כשרביז"ל עבר שם בדרכו מברסלב לאומאן (עי' להלן). בנו: ר' אברהם ציפורה'ס. גיסו: ר' דוד פאליער.

[טז] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, מ"ח (מובא לקמן).

(ר' נחמן: ר' בער איז יא געווען א ברודער פון ר' מרדכי דיין?) ניין! - ר' דוד פאליער - נישט א ברודער - נאר א שוואגער (מר' מרדכי דיין).

עס איז געווען אזא דארף פאלי, לעבן טעפליק, און דארטן האט ער געוואוינט דער ר' דוד. ער איז געווען א געוואלדיגער גאון און א גרויסן עושר, נאר ער האט ל"ע קיין קינדער נישט געהאט - האט ער געזאגט פאר ר' מרדכי'לע דיין (גיסו) - ער האט געהאט א זון ר' אברהם (ר' נחמן: ר' אברהם ציפורה'ס!) יא -: "גיב מיר אוועק דיין זון, איך וועל מיט אים לערנען, ממילא וועט בלייבן ביי אים די גאנצע פארמעג" (שימסור לו כל נכסיו).

האט ער אים געגעבן ר' אברהם'ען. ר' אברהם'ס קינדער האב איך געקענט, זיי זענען געווען אין טעפליק. ער איז געווען א ר' אלעזר בן חרסום - דער ר' אברהם - טאג און נאכט געזעצן און געלערנט - און דאס פארמעג האט זיך געפירט, די קינדער האבן געפירט דאס פארמעג.

ער איז א געוואלדיגער גאון געווען, גאר גרויס, ער פלעגט מסיים זיין ש"ס, אזוי, מיט אלע מפרשים, און ער האט געמאכט א סיום פאר די גאנצע שטאט - דער ר' אברהם. א סעודה, די גאנצע שטאט געווען.

אזוי, איז ער געווען אפגעשיידט פון דער וועלט, געזעצן טאג און נאכט סגור ומסוגר, עוסק געווען אין עבודת השם. ער איז געווען אזא מין עובד, אז ווען ער פלעגט זאגן מאנטאג און דאנערשטאג 'והוא רחום', האט געקלונגען דאס שטעטל פאר די בכיות און קולות.

❖

## ר' אייזיק קראסינשטיין - יחוסו

אייזיק קראסינשטיין איז געווען זיינער אן איידעם, דעם ר' אברהם'ס אן איידעם.

(ר' נחמן: ר' אייזיק קראסינשטיין? נישט ר' אייזיק אייזנשטיין פון אומאן?) קראסינשטיין.

מיט זיין טאטע איז געווען א מופת פון ר' שמואל אייזיק'ן - ר' נחמן[יז]. ר' אהרן דער רב פון ברסלב, זיינער אן אייניקל[יח].

(ר' נחמן: און פון ר' משה העניעס![יט]) **יא!**

(ר' נחמן: זיי בײדע, ר' אהרן דער רב, מיט ר' משה העניע'ס, האבן זיך משדך געווען?) **אוודאי.**

(ר' נחמן: ווער איז געפארן קיין ארץ ישראל פון דארטן?) **ר' חיים קראסינשטיין[כ] - ר' אייזיק'ס א פעטער - דעם פאטער'ס** (ר' נחמן'ס) **א ברודער.**

(ר' נחמן: ר' חיים קראסינשטיין - וואס ער דערמאנט אים -) **ר' נחמן טולטשינער[כא].**

**ער** (ר' משה העניע'ס) **האט געהאט נאך א זון וואס האט געהייסן ר' חיים - און ר' נחמן איז געווען ר' אייזיק'ס פאטער.**

(ר' נחמן: דער ר' נחמן פלעגט צוטראגן די וועש צו ר' שמואל אייזיק'ן[כב]?) **יא - און ר' חיים איז געווען א ברודער.**

**ר' חיים איז געווען עפעס מער חסיד, ר' חיים איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל.** (ר' נחמן: משה העניע'ס א זון!) **די בײדע זענען געווען זיינע זין - ר' נחמן און ר' חיים, און ר' נחמן איז געבליבן אין ברסלב.**

(ר' נחמן: טעכטער האט ער געהאט ר' משה העניעס?) **יא!**

---

[יז] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, ר"ג: סיפר רבי אייזיק קראסינשטיין ז"ל, ששמע מאביו רבי נחמן, שסבו ר' משה עברו עליו כמה שנים שלא היו לו בנים זכרים, ובא בבקשה לרבי שמואל אייזיק שיתפלל עבורו, והבטיח לו רבי שמואל אייזיק שיזכה לבן זכר, ועבור פדיון נפש ביקש ממנו, שבכל שנה יביא לו לראש השנה זוג לבנים חדשים. וכך הוה, שנפקד וזכה לשנה הבאה לבן זכר, והיה נותן לבנים חדשים לרבי שמואל אייזיק בכל שנה כהבטחתו. וכשגדל הבן, הוא רבי נחמן, היה הוא בעצמו השליח למסור אותם לרבי שמואל אייזיק.

[יח] ר' אייזיק קראסינשטיין. אביו ר' נחמן בן ר' משה העניע'ס, היה חתנו של ר' אהרן הרב דברסלב.

[יט] מחשובי תלמידי רביז"ל ומנגידי העיר ברסלב. מוזכר במכתבי רביז"ל המכנהו: "שותפי וידידי מהו' משה בן העני". מחבורתו של ר' שמואל אייזיק. היה ידוע במיוחד במידת הכנסת האורחים שלו, ופעם רמז לו רביז"ל שאחד מאורחיו היה אליהו הנביא.

[כ] מאנ"ש שעלו לארץ ישראל והתיישב בצפת. מוזכר כמעט בכל מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה מטבריה בשנים תרל"ה-תרמ"ג. בשנת תרל"ו נסע לאומאן וחזר לא"י בתחילת שנת תרל"ח. מוזכר גם במכתבי ר' יצחק בן מוהרנ"ת משנת תרכ"ט.

[כא] עי' מכתבי ר' נחמן טולטשינער, מכתב ה'.

[כב] עי' לעיל הערה י"ז.

(ר' נחמן: דאס וואס ער האט געבעטן ר' שמואל אייזיק'ן האט ער געבעטן אויף 'זין'?) **יא, זין!**

❖

# טעמה כי טוב סחרה

(ר' נחמן: און ווער איז געפארן קיין ארץ ישראל - ר' דוד פאליער?) **יא, ער ליגט אין טבריה, ער** איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל.

**ער איז געקומען אין טבריה, דארטן איז ער געווען א דיין און געלט. דער שטיף זוהן, ר' אברהם, פלעגט אים שיקן אויף צו לעבן שיין, ער האט נישט געדארפט אנקומען צו קיינעם, און ער איז נאך געווען א בעל צדקה דארטן.**

(ר' נחמן: דאס הייסט, ר' דוד פאליער איז געווען א דיין דארט אין טבריה?) **יא, א געוואלדיגער נאמען האט ער געהאט, ער איז גאר גרויס געווען דארט אין טבריה, ער איז א געוואלדיגער גאון געווען, און צְדקות - אזא גדול - און ער נעמט נישט פון שטאט גארנישט און גיט נאך דעם שטאט אויך - אזא 'דיין' זעהט זיך אן.**

(ר' נחמן: אין וועלכע צייט איז ער געווען אין טבריה? ווער איז געווען דארטן די ברסלב'ע חסידים דעמאלט?) **איך ווייס נישט, אזוי האב איך געהערט פון די אייניקלעך** (של ר' אברהם) **אז ער איז אוועקגעפארן קיין טבריה. און דארטן ליגט ער אין טבריה 'בשם טוב' - דער ר' דוד פאליער.**

(ר' נחמן: אבער ער איז נישט געווען קיין שטארקע ברסלב'ע חסיד?) **עס איז געווען א באוואוסטער** (רב) **וואס פלעגט איינשטיין ביי אים אויך.**

(פעם אחת) **האט ער** (הרב הנ"ל) **געעפנט דעם ליקוטי מוהר"ן - דער רבי ברענגט**[כג] **דארט פון אר"י הקדוש: אז "דב"ש בגמטריא איש"ה".**

---

[כג] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ט, וזל"ש: "דע שיש המתקה להינצל מעונש של אלמן, שלא תמות אשתו, ח"ו, והוא. על ידי שמרגישין טעם מתיקות בהתורה, עי"ז ניצולין מזה העונש, לבלי להיות אלמן, ח"ו. וזה אותיות אלמן ראשי תיבות מ'ה נ'מלצו ל'חכי א'מרתך (תהלים קי"ט); שעל ידי שמרגישין מתיקות בהתורה נצולין מהעונש הזה. וגם הכתוב מסיים: "מדבש לפי", שעל ידי זה המתיקות שמרגישין בהתורה, ממתיקין הדין של מיתת אשתו, ח"ו, כי דבש בגימטריא אשה, כמובא בכתבים".

(ענה הרב ואמר:) "וויאזוי טוט א מענטש אריין אין א ספר אז 'דבש איז בגמטריא אשה?" - עפעס אזא לשון האט ער געזאגט.

האט ער (ר' דוד פאליער) געגעבן א כאפ ארויס (פון שאנק) דעם ספר פונעם אר"י הקדוש. (ואמר לו:) "זעהט וואס שטייט - דער אר"י הקדוש ברענגט אזוי - זעהט איר? דארטן וואו ער האט געזעהן, האט איר נישט געזעהן!"[כד].

(ר' נחמן: ווער האט געזאגט אויף אים 'טעמה כי טוב סחרה'?) דער רבי האט אזוי געזאגט (אויף אים!). כאטש ער איז נאר איינמאל געווען ביים רבי'ן - מער נישט, נאר וואס דען, עס וועט נישט - (שוב לא יכבה וכו', עי' הערה[כה]).

דעמאלט איז מקויים געווארן דעם "לא יכבה בלילה נרה", ער האט ארויסגעוויזן אז ער איז געווען ביים רבי'ן![כו]

דער רבי רעדט דארטן: "אז צו ניצול ווערן מעונש אלמן, איז פילן א מתיקות אין די תורה; "מ'ה נ'מלצו ל'חיכי א'מרתך מדבש" איז ר"ת אלמן". אין לקוטי מוהר"ן, א קליין תורה'לע.

ער האט געקוקט אזוי אויף די תורה - וואס איז מדבש 'אישה'? עס איז אים נישט געפאלן. האט ער אים שוין דערלאנגט (כנ"ל).

❖

[כד] עי' מאורי אור, ערך דבש. לציין שהתיבות "כמובא בכתבים" אינו נמצא בדפוס ראשון - תקס"ח.

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן, סי' רפה, וזל"ש: "טעמה כי טוב סחרה" (משלי ל"א) היינו תיכף כשטועמין טעם התורה של הצדיק האמת, שוב "לא יכבה בלילה נרה", היינו אף על פי שאחר כך ימנע ולא יתקרב אליו ויהיה רחוק ממנו (שזהו בחינת לילה וחושך), אף על פי כן לעולם יאיר לו אור התורה, שטָעם קצת ממנה בהיותו אצלו. וזהו: "טעמה כי טוב סחרה" תיכף כשטועמין "כי טוב סחרה", שהוא התורה של הצדיק, שהסחורה שלו, היינו התורה שלו, טַעמה טוב, אזי שוב לעולם "לא יכבה בלילה נרה", כי תמיד תאיר לו אור התורה שטָעם אצלו, אפלו בלילה, היינו בעת ההתרחקות, שהיא בחינת לילה, כי לא יכבה בלילה נרה לעולם ועד.

[כו] עיין בחיי מוהר"ן סימן ל"ה: "איש אחד היה אצלו בימי נעוריו של אותו האיש פה ברסלב, ואז נתקשר מאד לרביז"ל בתשוקה גדולה, ושמע אז מרביז"ל דברי תורה נפלאים היינו התורה תהילה לדוד וכו' (סי' י"ב בליקו"מ) ועוד דיבורים נפלאים. ואמר לו רביז"ל: אני יודע שבימים הבאים לא תיסע אצלי ולא תהיה מקורב שלי (וכן היה שאחר כך לא היה עוד אצל רביז"ל) אך אעפ"כ יועיל לך מה שטעמת עתה מעט מדברי. ואמר לו אז הפסוק (משלי ל"א): "טעמה כי טוב סחרה" תיכף כשטועמין התורה של הצדיק, שוב "לא יכבה בלילה נרה". הנדפס בליקוטי א' סי' רפ"ה". גם עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תרע"ח.

# הנר תמיד

(ר' נחמן גאלינסקי: וואס איז דער מקור פון דעם נר תמיד? פון ספר המידות טאקע?) **דער רבי זאגט דארט, אז מען ווערט ניצול פון גזירת שמד**[כז].

(הנ"ל: עס איז געווען איינער, האט ער געפרעגט: אלע ברסלב'ער'ס וואלטן דאך געדארפט צינדן יעדער איינער אין שטוב - וואס עפעס נאר אין שול? אז עס איז א גרויסער ענין, דארף יעדער איינער צינדן אין שטוב?) **מיר דארפן נאכגיין נאך אונזערע עלטערן - אין אומאן איז געווען א נר תמיד ביים רבי'ן אויפן ציון - און שוין.**

(הנ"ל: אין קלויז אויך?) **ניין!**

(הנ"ל: ר' אברהם ר' נחמן'ס שרייבט אזוי שטארק, אז עס איז איינע פון די יסודות פון דעם רבי'ן!) **יא יא!**[כח]

(הנ"ל: וואס איז דער מקור פון דעם - מען האט אזוי געהערט פון רבי'ן, אדער מען האט פארשטאנען?) **אזוי איז געווען, עס האט געברענט א נר תמיד ביים רבי'ן אויפן ציון.**

**ר' נחמן טולטשינער פלעגט אין די גרעסטע פרעסטן, אין די גרעסטע שנייען איז ער געגאנגען אלע טאג אפהיטן דעם נר תמיד.**

---

[כז] ערך נר תמיד חלק שני, סעי' א': "**בזכות נר תמיד הדולקים בשמן זית, נצולין מגזירת שמד!**"

[כח] ספר כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות מז: "להודיע לדורות שהשלושה דברים האלה יסודות העקריים בהשארת אדמו"ר זצ"ל כפי המובן בזה מדברי מוהרנ"ת ז"ל: אות א. אסיפתנו על ראש השנה, שבזה ממילא כלול גם אמירת העשרה קפיטל תהלים על ציונו הקדוש: אות ב. עסק ההדפסה: אות ג. והדלקת הנר תמיד על ציונו הקדוש ...ובענין הנר תמיד עיין בספר המידות מה שכתב שם אדמו"ר ז"ל שבזכות הנר תמיד שמדליקין משמן זית נצולין מגזרות שמד. וממילא מובן מזה באלפי אלפים קל וחמר להנר תמיד שאצל קברו הקדוש, כפי המובא מזה בקנטרס הנקרא "חכמה ובינה" עיין שם ותבין מזה למה שמובא בלקוטי מוהר"ן בענין קברו של משה והסתלקותו שעוסק בזה להעלות משמד לרצון. ובליקוטי הלכות הלכות ברכת השחר הלכה ה' (אות מ"ז) מבאר משם שגם כל התאוות והמידות רעות בפרט האפיקורסות, הכל כלול בענין שמד הנ"ל. ומצירוף כל הענינים האלה ביחד הפליג מוהרנ"ת ז"ל בדבר הנר תמיד עד אין שעור וערך, כן שמעתי בפרוש מאבי ז"ל. וזה ידוע שסגולת כל מצוה והנהגה של הצדיקי אמת הוא דוקא כפי הפרטים שנצטוו מזה בכל דבר. כי כמו שבגשמיות אי אפשר שתצא אל הפעל מהרכבת הסמים כח הרפואה להמחלה כי אם עשו מכוון ממש בכל הפרטים שיצאו מפי הרופא (אם היה בנמצא הרופא האמתי), כמו כן ממש בחולי הנפש, למשל בענין העשרה קפיטל תהלים שהם מסוגלים לפגם הברית רחמנא לצלן, וכן בענין הנר תמיד שדקדק אדמו"ר זצ"ל ופרט בפרט שמן זית.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געהאט יארצייט נאכן פאטער, כ"ו ניסן, [ר' אברהם ר' נחמן'ס תמימות] - האט ער דערמאנט ביים רבי'ן עס זאל אים זיין א זכות וואס ער האט אפגעהיט דעם נר תמיד.

(ר' נחמן: ער פלעגט נישט גיין צום ציון פונעם טאטן אין זיין יארצייט!) ער פלעגט נישט גיין צום קבר. ער האט געזאגט: "דער טאטע איז געווען א צדיק, מען וואלט געקענט גיין צום קבר, נאר עס איז דא דארטן נאך קברים" - האט ער נישט געוואלט דורכגיין. די גדולים האבן זיך שטארק געהיט[כט].

(חסרה, מדבר מהזוהר הקדוש שאומר על לויה) - עפעס א געוואלדיגע קליפה, דער ס"מ האט א געוואלדיגע יניקה פון דעם הסתכלות - ר' שמעון האט אזוי שארף גערעדט. האט זיך אנגערופן ר' אלעזר: נו, זאל מען אינגאנצן נישט גיין אויף קיין לויה. זאגט ער (ר' שמעון): ניין, עס איז א מצוה, מען זאל יא גיין, נאר מען זאל זיך היטן![ל]

❖

## געהאט אלע טאג התבודדות

(ר' נחמן גאלינסקי: אויף ר' דוד צבי דאשיוועסקע, האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט א הספד אפאר ווערטער: אז ער האט געהאט אלע טאג התבודדות, ווייזט אויס, לעבן די מיטה, ניין?) נישט קיין הספד, און נישט ביי די מיטה.

דארטן איז געווען אזוי: עס איז געווען א גרויסער הויז, אזוי ווי א פאלאץ, אזוי ווי א גרויסע בית המדרש - דער ארט פון די טהרה. איז דארט געווען טאקע א בית מדרש, משניות'ן מיט א טיש מיט בענקלעך, און אין די זייט איז געווען די שטוב פון די טהרה - און ווייטער איז געווען די שטוב פון די מקוה.

דער גאנצער עולם פלעגט זיצן אין בית המדרש, געלערנט משניות. און א פענסטער איז געווען, א פענסטער האט זיך געעפנט, א קליין פענסטער'ל. איז געווען איינער א מענטש - א גרויסער ערליכער איד, און ער פלעגט זאגן (די פסוקים).

---

[כט] ע' מגן אברהם על או"ח סימן תקנ"ט, ס"ק ט"ו.

[ל] מובא בזוה"ק ויקהל קצ"ו:

די וואס האבן מטהר געווען, האבן נישט געזאגט, ווייל דער ארט איז נישט אזוי ריין. האבן זיי געגעבן א געשריי פון דארטן: "ראשו כתם פז"[לא]. האט ער שוין געזאגט (ממשיך געווען ווייטער) די פסוקים - דער מענטש וואס איז געשטאנען אין בית המדרש פון די זייט פענסטער.

א קליין פענסטערל, א לעכעלע - פון דארט האט ער געזאגט די פסוקים.

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען דעמאלט אין בית המדרש - אז מען האט שוין געעפנט און מען האט שוין גענדיגט די טהרה אינגאנצן און מען האט שוין צוגעטראגן דעם נפטר צום קבר - איז ר' אברהם ר' נחמן'ס געשטאנען פונדערווייטנס, ער איז נישט צוגעגאנגען צום קבר, אבער ער איז געגאנגען מקיים זיין 'הלוית המת', (ואז אמר הנ"ל).

❖

# אייביג מיר געגעבן א גלאז טיי...

עס איז נפטר געווארן איינער, ער איז געווען ר' אייזיק'ן'ס אן איניקל - אן איידעם'ס א זון, ער פלעגט קומען דאווענען צו אונז, איך האב אים געקענט, א געווענליכער יונגערמאן, נישט קיין - - אזא מין -

איז ר' אברהם ר' נחמן'ס געגאנגען נאך די לויה, איך האב געהערט - ער האט גערעדט אויף אים שבחים: "ווען איך בין אריינגעקומען צו אים האט ער מיר געגעבן א גלאז טיי"...

ער האט דעמאלט גערעדט א שמועס אז מען דארף זייער זעהן 'אויף א נפטר זאל מען רעדן גוטס, נישט רעדן קיין שלעכטס, נאר רעדן זיינע נקודות טובות' - ער האט געהאט אין זיך גוטע מעלות. עס איז א גרויסע טובה פאר אים אז מען רעד דאס. פארקערט ווייטער, האט ער דארטן צער. נאר רעדן גוטס.

אפילו ער איז געווען א געווענליכער מענטש, האט ער נאר גערעדט אויף אים גוטס: 'ער פלעגט מיר געבן א גלאז טיי'.

---

[לא] מהפסוקים שאומרים בעת הטהרה.

ער (ר' אברהם ב"ר נחמן'ס) איז א געוואלדיגער מענטש געווען, ער האט געוואוסט, אז א נפטר - וואס דארף איך אים אנטאן צער? אז איך וועל זאגן א גוטווארט, האט ער דאך דארטן א נחת רוח!

❖

עס איז א מדרש דא: די מלאכי השרת זאגן: 'קומט לאמיר זעהן וואס רעדט מען - מען רעדט גוטס?'. ער (ר' אברהם ב"ר נחמן'ס) האט נישט דערמאנט דעם מדרש.

דער אויבערשטער וויל טאקע אזוי, דער אויבערשטער וויל אז א מענטש זאל זיין א זוכה בדין, דער אויבערשטער וויל מען זאל רעדן אויף אים גוטס - און די זאכן וואס מען רעדט אויף אים גוטס האט עס דארטן א גרויסן כח.

געווענטליך (- פארשטייט זיך), שקרים טאר מען נישט זאגן, אויבן איז אן 'עלמא דקשוט' - טאר מען נישט זאגן קיין שקרים; אבער ער האט דאך געהאט אין זיך נקודות טובות, איז קען איך אויסרעכענען נקודות טובות: 'ער איז געגאנגען דאווענען בציבור' (וכדו').

כאפ אן עפעס א גוטע זאך - מען קען דאך - יעדער מענטש איז דאך פול, "מלאה מצוות כרימון"[לב], ער האט געלייגט 'טלית ותפילין', ער האט געליינט קריאת שמע - איך בין דאך פול מיט מצוות כרימון; זאל מען דערמאנען נאר די גוטע זאכן וואס ער האט געהאט אין זיך, דאס איז פאר אים א גרויסע טובה.

❖

## נר תמיד בבתי מדרשים על שם רבינו

(ר' נחמן גאלינסקי: ווען האט זיך דער נר תמיד אנגעהויבן אין די ברסלב'ע שולן?) דאס איז אזוי, זינט דעם רבי'נס ציון האט זיך געענדיגט, האט מען אנגעהויבן צו מאכן אין די בתי מדרשים.

(הנ"ל: וואו איז געווארן אויס ציון? אין פולין! אבער אין רוסלאנד?) דאס הייסט 'אויס ציון', אז מען האט שוין נישט געקענט מאכן אויפן ציון. קען מען היינט מאכן א נר תמיד ביים

[לב] עי' גמ' ברכות נז., ועוד מקומות בש"ס: "כפלח הרמון רקתך". מאי ריקתך? אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרימון!".

רבי'נס ציון? מען ווייסט נאך פון רבי'נס ציון, אבער מען קען מאכן היינט א נר תמיד?! אז מען האט נישט געקענט מאכן א נר תמיד, האט מען שוין אנגעהויבן מאכן אין די בתי מדרשים 'על שם רבינו'.

אין יעדן שול מאכט מען א נר תמיד על שם רבינו: אין כולל איז דא א נר תמיד - אין יעדן שול על שם רבינו איז דא א נר תמיד, עס איז דא דא (אין ירושלים) - אפילו אין אמעריקע איז אויך דא, אומעטום איז דא א נר תמיד.

(הנ"ל: בשעת מיר זענען געפארן האבן מיר געהאט א ספק צו עס איז כדאי די פאר מינוט צו לייגן א נר תמיד) (ר' נחמן: ר' אברהם יעקב גאלדרייך האט געהאט מסירות נפש פאר'ן נר תמיד) ער האט געהאט אויך ביי זיך אין שטוב - און ער האט דאך געמאכט דער נר תמיד, ביים פענסטער, לעבן עמוד.

(ר' נחמן: איך געדענק אין אלט שטאט האט ער גאנצענע שעה'ן געארבעט ביי דעם נר תמיד, עס זאל ברענען שיין, עס זאל זיין גוט!) יא יא!

❖

## אפגעזאגט דעם פעלץ

(השואל: וואס האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט אויף זיין טאטנ'ס יארצייט?) אז עס איז געווען דעם פאטערס יארצייט, ער איז געווען ביים רבי'ן אויפן ציון, האט ער דערמאנט ביים רבי'ן אויפן ציון, אז עס זאל זיין דעם טאטן א זכות וואס ער האט אנגעצינדן דעם נר תמיד אלעמאל.

דערמאנט דעם רבי'ן אויפן ציון, אז ער האט אפגעהיט דעם נר תמיד אין די גרעסטע פרעסטן, אין די גרעסטע שנייען.

ער האט געהאט א פעלצל - די פראסטע פעלצלעך - א פוטער, מען האט אים געוואלט מאכן א שיינע דעקע דארטן, א שיינע סחורה. זאגט ער: "ניין - איך דארף דאך גיין אנצינדן דעם נר תמיד - אז איך וועל האבן א שיינע דעקע וועל איך דאך נישט וועלן גיין!"

ער פלעגט זיך אוועקזעצן און אראפגליטשן ביז אונטן. דארטן גייט א בארג אראפ - אז עס פאלט א שניי און נאכדעם ווערט א פראסט ווערט דער שניי פארפרוירן (איז דא דארט) אזא גליטש פון אויבן ביז אראפ, עס איז נישטא קיין שום טרעפ (היות שמכוסה מרוב

שלג). איז וואס טוט מען? מען זעצט זיך אראפ אויבן, און מען גליטש זיך אראפ ביז אונטן.

...'אז איך וועל האבן אזא שיינעם מלבוש, וועל איך זיך נישט וועלן אוועקזעצן - וועל איך צוליב דעם נישט אפהיטן דעם נר תמיד!'. ער האט נישט געוואלט מען זאל אים מאכן.

- עס איז געווען דארט א בארג אראפ - 'ניין-און-פערציג' טרעפ - א הויכער בארג. מען זעצט זיך אוועק אויבן - און א גליטש אראפ.

אסאך מאל האבן אונז דאס געטאן.

אויף אראפ איז געווען גרינגער, אבער ארויף איז געווען שלעכט - מען האט נישט געקענט ארויף, מען איז אראפגעפאלן צוריק, עס איז דאך א גליטש, ווי כאפט ער זיך ארויף דארטן?!, בנס האט מען זיך ארויפגעכאפט אויבן. אמאל איז מען שוין געווען אויבן, איז מען אראפ געפאלן צוריק, עס איז נישט געווען וואו אנצוכאפן זיך, מען פלעגט מיטנעמען עפעס אזעלכע זאכענישן צו אוועקשיטן דארטן.

עס שטייט דארטן ביי די מזבח[לג]: אז עס האט זיך אנגעקלעפט זאלב - פלעגט מען שיטן זאלץ אויפן מזבח מען זאל זיך נישט אויסגליטשן.

- פונדעסטוועגן פלעגן אידן גיין צום רבי'ן אויפן ציון ביינאכט, נישט נאר בייטאג - נאר אויך ביינאכט - אין די פינסטערדיגע נעכט, מען איז געפאלן מען האט געטאן, מען איז געגאנגען...

❖

## די שניי שאקלט זיך...

ער האט מיר דערציילט - [ר' ברוך], ר' געצעס אידעם - ער האט געהאט א שליסל פון רבי'נס ציון. עס איז געווען אמאל א גרויסער שניי - דארטן איז געווען אזעלכע שנייען אז די שניי האבן געקענט זיין הויעך אזוי ווי צוויי קומות פון א מענטש. מען האט געמאכט אזעלכע ווענט אין די שניי, די רעגירונג - און אז מען איז געגאנגען אינדערמיט,

---

[לג] משנה עירובין דף קד.

איז מען געגאנגען אזוי ווי מען גייט אין א הויכן הויז, צוויי ווענט - אזעלכע ווענט איז געווען פון שניי...

איז ער געקומען צום ציון (ר' ברוך חתן ר' געצעס) - **דער ציון איז פארשיט מיט שניי**, מען קען נישט צוקומען צום ציון - און ער זעהט די שניי שאקלט זיך... עפעס די שניי שאקלט זיך, די שניי ווארפט זיך... איז ער צוגעגאנגען מיט די פיס, (אוועק) געווארפן, איז געשטאנען דארט ר' ישראל טירהאוויצער.

האט ער שוין (- תיכף) געעפנט דעם טיר, אריינגעגאנגען. זאגט ער: "ר' ישראל, איר שטייט דא אזוי - איר האט דאך געקענט ווערן פארפרוירן?!". די שניי פארשיט אינגאנצן - אן אלטער איד פון עטליכע און אכציג יאר - עס קען ווערן א שטיק אייז פון אים!

- זאגט ער (ר' ישראל): **"אז איך וועל קומען דארטן צום רבי'ן און עס וועט זיין פארמאכט, עס וועט זיין א שניי, וועל איך אוועק גיין פון דארטן?! איך וועל דאך ווארטן ביז מען וועט עפענען! איך וועל נישט אוועקגיין!"**

(השואל: ער מיינט אויף יענעם עולם?) יא יא - מען וועט קומען צום רבי'ן און עס וועט זיין פארמאכט, מען לאזט נישט אריין - וועל איך אוועקגיין? מען וועט דאך עפענען אמאל - 'איך' שטיי! דא שטיי איך! איך וויל נישט אוועק!

❖

## דער אנהויב פון דעם נר תמיד ביים רבי'נס ציון

(ר' נחמן גאלינסקי: נאך ר' נחמן טולטשינער ווער האט מטפל געווען דעם נר תמיד?) עס איז געווען - אין מיינע צייטן איז געווען דארטן איינער - - (לא ברור), עס איז געווען נאך, פארשידענע מענטשן האבן געהאלטן דעם נר תמיד.

זי, עליה השלום (אשת רלוי"צ), בשעת מען האט אלע דארטן נעבאך איינגעזעצט, איך האב דעמאלטס מורא געהאט צו קומען קיין אומאן - פלעג איך פארן אלעמאל קיין אומאן - און זי פלעגט דארטן ברענגען די געלט, טיילן דארטן פאר די ווייבער געלט, און זי פלעגט אפהיטן דעם נר תמיד א שטיק צייט.

(ר' נחמן: ר' נתן ברענגט דארט אין ימי מוהרנ"ת, אז דער יסוד פון דעם נר תמיד אויפן ציון, האט זיך אנגעהויבן י"ח שבט. און ער שרייבט: "ויש בזה מעשה", אין טעפליק[לד], איר האט געהערט די מעשה?) **איך ווייס נישט, דו האסט יא געהערט?**

(ר' נחמן: אז עס איז געווען איינער וואס די טאכטער זיינער האט זיך גע'שמד'ט עפעס, רח"ל - זי האט גענומען א גוי, א גאנצע מעשה. און דער פאטער איז געגאנגען, דאכט זיך, אדער צו ר' נתן'ען אדער צו ר' נפתלי'ן. זאגט ער: 'נעם אויף זיך דעם נר תמיד אויפן רבי'נס ציון, ער זאל געבן בוימעל; פון דעם איז דאס געווארן - אזוי האב איך געהערט!)

❖

## קום צו מיר, ווען עס איז נישט טאג און נישט נאכט!

**ער האט מיר דערציילט - דער שבתי** (ברסלבער)**, אז זיינער אן עלטער פעטער האט ל"ע קיין קינדער נישט געהאט. איז ער געקומען צום רבי'ן - האט אים דער רבי געזאגט: "דו זאלסט קומען צו מיר, ווען עס איז נישט טאג און נישט נאכט!"**

**- האט ער דערציילט: זיי זענען געקומען פונעם דארף** (בזמן בין השמשמות. ותפס עצמו:) **"איצטער איז דאך נישט טאג און נישט נאכט". איז ער ארויף צום רבי'ן אויפן ציון און ער האט געבעטן - און דער אויבערשטער האט געהאלפן** (שנפקדו בבן זכר)[לה]**.**

(ר' נחמן: ער האט נישט געוואוינט אין אומאן?) **אוודאי נישט - אין א דארף האט ער געוואוינט. ער איז געקומען צו פארן - שבתי'ס אן עלטער פעטער איז ער געווען.**

(ר' נחמן: ווער איז געווען שבתי'ס טאטע?) **שבתי'ס טאטע איז געווען א פראסטער** - (שמו ר' יעקב).

❖

[לד] וזל"ש באות ע"ד: "גם אז ביום חמישי ח"י שבט הנ"ל (שנת תקע"א) היה התחלת היסוד של ההדלקה, להדליק שמן זית על קברו, נר תמיד לא יכבה, כאשר אנו נוהגין מאז ועד הנה וגם זה היה על פי מעשה בקהילת קודש טעפליק ואי אפשר לבאר כל הפרטים, כי בכל זה היו עוד כמה דברים נוראים שראינו השגחתו ונפלאותיו יתברך בכל עת, איך הוא יתברך בעזרנו לגמר עסקי רביז"ל שהם זכות הרבים לדורות, אשר המניעות נשתטחו כנגדנו בלי גבול, ולולא ה' שהיה לנו לא היה באפשרי לגמרם בשום אופן".

[לה] עי' שיח שרפי קודש ח"א, רנ"ח.

# צוגעזאגט אריכות ימים

אסאך מעשיות איז דא מיט זיין עלטער פעטער. ער האט געהאט א ברכה פונעם רבי'ן - איבער הונדערט יאר אלט איז ער געווען - דער עלטער פעטער.

(ר' נחמן: ער איז געווען דער וואס האט אנגעהאלטן דעם וואגן?) **יא, ער האט אנגעהאלטן דעם וואגן אויך, דאס איז אלץ דער עלטער פעטער, אסאך זאכן איז געווען ביי אים. דערפאר האט דאך אים דער רבי געהייסן דארטן קומען צו אים** (בין יום ובין לילה כנ"ל)**, ער האט געהאט א שטיקל שייכות צום רבי'ן.**

דער רבי האט אים געגעבן די ברכה ער זאל מאריך ימים זיין. דער רבי האט אים געבענטשט: "לאנג לעבן זאלסטו".

שבתי האט מיר געזאגט, דאכט זיך מיר, אז ער האט נאך געקענט דעם עלטער פעטער. ער האט אים געקענט קענען; שבתי איז אלט געווען פיר-און-אכציג יאר (כשנפטר) - און שבתי איז געשטארבן אין די צדיק'ן - יא.

(ר' נחמן: ביי אים איז געווען אזא מעשה - און ביי ר' שמעון'לע איז אויך געווען אזא מעשה וואס ער האט אנגעהאלטן דעם וואגן?) **יא!**

(ר' נחמן: וואס איז געווען די מעשה, דער ראָד איז אראפגעפאלן?) **ביי אים איז געווען אזוי: ער איז געווען א רעסאָשער** (שם כפר) **- און ער איז געווען א קאוולער** (נפח - שמיד)**.**

(ר' נחמן: 'רעסאשע' לעבן טעפליק?) **יא. אונטער רעסאשע אז מען פארט, איז אזא בארג אראפ - און דער וואגן לויפט אזוי שטארק אז עס איז אראפ**(געפאלן) **א רעדל פונעם וואגן.**

איז אראפ (דעם בארג) לויפט ער נאך - אבער אז ער שטעלט זיך אפ, קערט ער זיך אום. זענען אלע מענטשן (אין וואגן געווען) אין א סכנה.

ער איז געווען א היכער מענטש, א קאוולער, א געזונטער מענטש. האט ער געגעבן א גיי אונטער - און ער האט צוגעהאלטן אונטן מיטן אקסל בשעת עס דארף זיך שוין אפשטעלן. בשעת ער פארט קען מען גארנישט טאן - אז ער דארף זיך אפשטעלן, האט

ער געגעבן א גיי אונטער, צוגעהאלטן דא, און האט זיי געראטעוועט. און דארטן איז געזעצן דער רבי.

(ר' נחמן: ער האט נישט געוואוסט?) ניין, ער האט נישט געוואוסט.

נו, האט דער רבי געזאגט: "לאנג לעבן זאלסטו"!

❖

מיט ר' שמעון'לע איז דא אן אנדערע מעשה - אויך מיט א וואגן: -

(ר' נחמן: ר' שמעון'לע איז אראפגעטאנצן פון וואגן כדי צו ראטעווען, דאכט זיך מיר) אויך געווען א גיבור - ר' שמעון'לע, בטבע איז ער געווען א גיבור, ער איז געווען א געוואלדיגער גיבור - האבן אזא מין זאך, אונטער געבן אן אקסל בשעת דער וואגן לויפט - דאס איז א סכנה.

אז אין אקסל גיט אים (דער וואגן) א קלאפ, איז ער אין א סכנה - דארף ער גוט מכוון זיין ער זאל כאפן דעם זייט וואס דער רעדל איז נישטא און דארט אנכאפן אויפן אקסל, דער וואגן לויפט דאך - און דא איז אראפ דער רעדל, אז ער גייט ארונטער פון אונטן (דעם בארג) און שטעלט דעם אקסל און דער וואגן בלייבט ליגן אויף אים אויפן אקסל, קען עם חלילה אים געבן אזא קלאפ - איך וויים וואס.

נו, אזא מין זכות פון דעם רבי'ן - געדארפט ראטעווען[לו] - - .

❖

[לו] עי' חיי מוהר"ן תקל"ד: "רבי שמעון פעל אצל רביז"ל שיזכה לשמש אותו אחר מותו כמו ששימש אותו בחייו. ויש בזה מעשה לספר", עכ"ל. עי' כוכבי אור, אבניה ברזל, שיחות וסיפורים מרביז"ל, נ"א: "אִיתָא בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן בְּהַשִּׂיחוֹת שֶׁר' שִׁמְעוֹן זָכָה שֶׁיְּשַׁמֵּשׁ אֶת רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ כְּמוֹ שֶׁשִּׁמְּשׁוֹ בְּחַיָּיו, וְיֵשׁ בָּזֶה מַעֲשֶׂה עַיֵּן שָׁם. וְזֶה הוּא הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁאַחַר שֶׁבָּא ר' שִׁמְעוֹן מֵעֵבֶר לִנְהַר דָּאן. בִּקֵּשׁ מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שֶׁיַּבְטִיחַ לוֹ שֶׁיְּשַׁמְּשֶׁנּוּ. וְהֵבִין שֶׁרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אֵינוֹ רוֹצֶה, וְשָׁתַק. וּלְאַחַר זְמַן בִּקֵּשׁ עוֹד הַפַּעַם מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שֶׁיַּבְטִיחַ לוֹ כַּנַּ"ל, וְהִזְכִּיר אָז לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אֶת הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהִצִּיל אוֹתוֹ פַּעַם אַחַת מִן הַמִּיתָה בְּעֵת שֶׁנָּסְעוּ מִכְּפָר אוֹסְאַטִין לְמֶעדְוֶועדְוְוקִי אוֹ לְהֵפֶךְ, שֶׁנָּסְעוּ בְּשִׁפּוּעַ הָהָר, וְהֵבִין ר' שִׁמְעוֹן שֶׁהָעֲגָלָה תִּתְהַפֵּךְ. וְהָיוּ אָז כֻּלָּם בְּסַכָּנַת מָוֶת, כִּי הַדֶּרֶךְ הָיָה מָלֵא אֲבָנִים וַחֲפִירוֹת. וְקָפַץ הָר' שִׁמְעוֹן מֵהָעֲגָלָה וְעִכֵּב אֶת הָעֲגָלָה וְהִצִּיל אֶת כָּל הָאֲנָשִׁים. וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אַוַדַּאי הָאסְטוּ גּוּט גִּימַאכְט (וַדַּאי עָשִׂיתָ טוֹב). וְרָמַז לוֹ דְּמִשּׁוּם זֶה לְבַד אֵינוֹ יָכוֹל לִזְכּוֹת עֲדַיִן לְדָבָר גָּדוֹל כָּזֶה. וְשׁוּב שָׁתַק הָר' שִׁמְעוֹן. לְאַחַר זְמַן בִּקֵּשׁ עוֹד הַפַּעַם מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל וְסִפֵּר לוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל הָאֵיךְ שֶׁאִמּוֹ בָּאָה אֶצְלוֹ בַּחֲלוֹם מִפְּנֵי מַה שֶּׁאֵינוֹ מַבְטִיחַ לוֹ עַל זֶה, וְעַל־כֵּן הִבְטִיחַ לוֹ אָז. וְסִפֵּר הָר' נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין שֶׁמּוֹהַרְנַ"ת קִנֵּא אוֹתוֹ מְאֹד". גם עי' חיי מוהר"ן ק"ו.

# ב'ארשט מיט ק'אשע

אין רעסאשע האט דער רבי געשטעלט ר' מרדכי'ן פאר רב. (ואמר רבינו:) "איך האב אייך געגעבן א כשר'ן דיין".

(ר' נחמן: ער האט געוואוינט אין רעסאשע - ר' מרדכי?) ניין, אין טעפליק. רעסאשע איז א דארף לעבן טעפליק. אונזערע לייט פלעגן דארט דורכפארן אלעמאל.

(ר' נחמן: דער רבי האט גענעכטיגט אין רעסאשע[לז]?) אמאל איז געווען, אין יעדן דארף האבן געוואוינט אידן, געהאט דארט א קרעטשמע, עס איז געווען א שטיקעלע ישוב פון אידן אויך. אזוי איז געווען אמאל יעדע דארף.

❖

עס איז געווען אמאל א מעשה ביים בעל שם הקדוש: אן ערליכער איד, געוואוינט אין א דארף. אין יענע דארף פלעגן אלעמאל דורכפארן אידן און ער האט געגעבן עסן טרינקען שלאפן. האט ער געזאגט (צום בעש"ט): 'רבי, איך האב נישט קיין מנין, איך הער נישט קיין ברכו, איך הער נישט קיין קדושה' (- כך התאונן).

זאגט אים דער בעל שם הקדוש אזוי: "עס וועט דורכפארן א איד און דו וועסט אים געבן אביסל ב'ארשט - וועסטו האבן א ב'רכו, דו וועסט אים געבן אביסל ק'אשע - וועסטו האבן א ק'דושה!

הייסט, אז דער בעל שם האט אים אזוי געזאגט, 'דו זייַ דארט אין דארף - אסאך זאכן טוט זיך דארט דורכדעם'. א איד איז געזעצן אין דארף, האט ער מחיה געווען אסאך מענטשן.

[לז] עי' ימי מוהרנ"ת, ח"א, אות מח: "בדרך הנסיעה הזאת לאומין כשיצא מלאדיזין וכו'... סמוך לערב באנו לקהילת קודש טעפליק ושם באו לקראתו רוב בני העיר ובפרט אנשי שלומנו וביקשו אותו הרבה שיָלין שם ולא רצה, ואף על פי שהתחיל הגשם לירד מדי עברו בטעפליק סמוך לערב אף על פי כן לא רצה לסור שם ונסע להלן ועמד ללון בכפר הסמוך לשם ולשם יצאו הרבה מבני העיר טעפליק ושם נתמנה רבי מרדכי לאב בית דין בטעפליק וכו'. ביום רביעי בבוקר אחר התפילה נסענו לאומין".

מענטשן פלעגן דורכפארן, אמאל איז געווען א גרויסע ארעמקייט, מען איז אריינגעקומען דארט, האט מען זיך אנגעווארעמט.

❖

## מיין מענדאל!

דער ר' מענדל מכפר[לח] האט אויך געוואוינט אין א דארף, א דארף לעבן טשעהרין, "מכפר" - עס שטייט נישט וואספארא דארף. נו ער איז אויך געווען א דארפס-מאן.

(ר' נחמן: "מכפר" מיינט לעבן טשעהרין?) **יענעם געגנט.**

(ר' נחמן: מען האט אים אוועקגעטראגן אינמיטן דאווענען ביי א שריפה -) **אינמיטן דאווענען און ער האט נישט געפילט - - .**

(ר' נחמן: האט דער רבי געזאגט אויף אים -) **"דאס איז מיין 'מענדאל!'".**

"מענדאל" איז, אז איינער ביים קיסר צייכנט זיך אויס עפעס ביי א מלחמה - צו וואס, שענקט אים דער קיסר א מענדאל. 'מענדאל' הייסט, א מין צירונג פון גאלד.

**..."דאס איז מיין מענדאל"!**

---

[לח] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כח: "ר' מענדיל ז"ל מכפר הסמוך לטשעהרין היה איש עוסק במשא ומתן כל ימיו, ויראתו ועבודתו ובפרט עבודת התפלה שלו היה נשגב ועצום מאד כי היה מתפלל במסירת נפשו ובדביקות נפלא עד שממש נתבטל גשמיותו. ופעם אחת נתעורר דליקה בביתו והוא עמד אז באמצע תפלתו בדביקות גדול ונורא ובביטול כל הרגשות עד שלא ראה ולא שמע כלל את קול הרעש שנתעורר מאנשי ביתו ומשאר אנשים שעמדו שם עד שהכרחו איזה ערלים שהיו אז בביתו לקח אותו בידיו ולהוליכו עד למרחוק, ושם עמד, ולא זז ממקומו ומדביקותו עד שגמר את התפלה".

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו. נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה. נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה